ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת תרומה

אידיש

**519**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# תשעה-עשר

## תרומה

אין דעם פרק ווערן ערקלערט די פאַרשידענע תיקונים פון תשובה

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון נייַנצענטער פּרק


א. מיר דאַרפן זוכן רפואות פאַר קרענק פון דער נשמה אַזוי ווי קרענק פון גוף ........ ג

ב. אַ מעשה מיט אַ שר וואָס האָט געפונען אַ רפואה, אַ געוויסן גראָז. ........ ג

ג. די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן ........ ד

ד. די מעלה פון שמירת שבת כהלכתו ........ ה

ה. די מעלה פון זאָגן שירת הים הויך און פריילעך ........ ה

ו. די מעלה פון אַ מענטש וואָס איז אַ מעביר על מדותיו. דריי מדריגות פון אַ מענטש וואָס הערט זיין שאַנדע און בייזערט זיך נישט. ........ ה

ז. די מעלה פון התבודדות – זיך מתבודד זיין מיטן אויבערשטן ........ ו

ח. דער חיוב צו הערן די מוסר רייד וואָס ווערן געזאָגט אין בית המדרש – אַ טעם אויף דעם ........ ו

ט. דער בת קול וואָס גייט אַרויס יעדן טאָג און איז מעורר די מענטשן צו תשובה ........ ז

י. די האַרבע עבירה פון גזל, און נאָך עבירות וואָס אַ מענטש טרעט אויף זיי מיט זיינע פיס. ........ ז

יא. קנאה, תאוה און כבוד זענען מרומז אין די דריי פרשיות פון קריאת שמע. ........ ט

יב. מען דאַרף מכוון זיין ביי קריאת שמע, צו פאַרריכטן דעם פגם פון חטא העגל. ........ י

יג. צוואָנציג זאַכן וואָס דער בעל תשובה דאַרף זיך שטאַרקן אין זיי – פון רבינו יונה ........ י

יד. תשובה תיקונים אויף אַ סאַך סאָרטן עבירות – פון די ספרי קבלה ........ יד

טו. אַ מענטש דאַרף מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט שטאַרבן אָן תשובה ........ יט

טז. דער וואָס טוט תשובה, דאַרף אויך זען דערצו אַז אַנדערע מענטשן זאָלן תשובה טוהן. ........ יט

יז. די מליצה פונעם שר מטטרו"ן ........ יט

יח. אַ בן תורה זאָל זיך נישט מסגף זיין צוליב תשובה ........ כ

יט. יעדער מענטש וואָס קומט בעטן אַ תשובה, זאָל מען אים נישט שווער מאַכן די תשובה ........ כ

כ. יעדער וואָס געוואוינט זיך צו דינען דעם אויבערשטן, זאָל נישט אָנהויבן מיט שווערע זאַכן, נאָר מיט גרינגע זאַכן ........ כא

# פרק תשעה-עשר

## מיר דאַרפן זוכן רפואות פאַר קרענק פון דער נשמה אַזוי ווי קרענק פון גוף

**א. יראה המשכיל,** זאָל זען דער קלוגער, און פאַרשטיין דער פאַרשטאַנדיגער, וואָס דער ספר **חרדים** שרייבט אין זיין ספר:

**יש,** מיר ברויכן זוכן רפואות פאַר ווייניג געלט, ווייל די קראַנקהייט פון דער נשמה איז געגליכן צו דער קראַנקהייט פון גוף.

**ולפעמים,** און אַמאָל מאַכט אַ קלוגער דאָקטאָר אַ רפואה פאַר הונדערט גילדן, און אַמאָל געפינט מען פאַר אַ האַלבן גילדן פאַרשידענע רפואות פון קרייטעכצער, וואָס זיי היילן דורך אַ סגולה.

## אַ מעשה מיט אַ שר וואָס האָט געפונען אַ רפואה, אַ געוויסן גראָז.

**ב. ושמעתי,** און איך האָב געהערט, עס האָט זיך געטראָפן אין קאשטיליאה, די האַרן זענען געגאַנגען פאַנגען חיות, האָט איינער פון די האַרן באַקומען פון אַ פוקס אַ קליינעם ביס אין פוס, און דעם אַנדערן טאָג האָט זיין פוס אָנגעהויבן געשוואָלן צו ווערן. דעם דריטן טאָג איז ער שוין געווען זייער געשוואָלן, און די דאָקטוירים האָבן געזוכט זייער טייערע רפואות פאַר פיל געלט, אָבער זיי האָבן אים נישט געהאָלפן, ביז זיי האָבן זיך שוין מייאש געווען, און ער האָט געלאָזט אַ צוואה, און זיין גאַנץ הויז געזינד האָט געוויינט.

**והיה,** עס איז אַריינגעגאַנגען צו אים אַן אַראַבער, איינער פון זיינע קנעכט, און ווען ער האָט דערזען די גרויסע צרה האָט ער צו

זיי געזאָגט: פאָרכט זיך נישט, ווייל איך וועל אים היילן מיט'ן אויבערשטנס הילף.

**וילד**, און ער איז געגאַנגען אין פעלד, און האָט אָנגעקליבן קרייטעכצער וואָס זענען געוועזן באוואוסט פאַר אים אַז זיי קענען העלפן, און ער האָט עס צוקלאַפּט אין אַ שטייסל, און האָט עס צוגעלייגט צום פוס פון זיין האַר דריי מאָל, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו היילן.

**דעם** דריטן טאָג איז דער האַר אינגאַנצן פאַרהיילט געוואָרן, און איז געגאַנגען אויף זיינע פיס. האָבן די דאָקטוירים זיך זייער געוואונדערט, און האָבן געלויבט דעם אויבערשטן וואָס ער האָט באַשאַפן אַזעלכע מיני **סגולות** אין קרייטעכצער. און אַזוי האָבן מיר געהערט וועגן פיל ערליי קרענק וואָס ווערן געהיילט.

**ג. ועל דרך זה**, און לויט דעם דאַרפן מיר זוכן אין דער גמרא פאַרשידענע **סגולות** און גרינגע רפואות, צו היילן די קראַנקהייט פון דער נשמה, וואָס זי האָט נישט קיין כח צו ליידן די שווערע יסורים.

## די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן

**ד. והנה**, און אַזוי האָבן אונזערע חכמים געזאָגט, **אַז דער מענטש וואָס ענטפערט אמן יהא שמיה רבא (מברך וכו') מיטן גאַנצן כח און מיט די גאַנצע כוונה, אפילו ער זאָל האָבן אין זיך אַ גרויסע עבירה איז מען אים מוחל. און אין זוהר שטייט, אַז אַלע זיינע איברים מוזן ציטערן בשעת ער זאָגט אמן יהא שמיה רבא, און צו זאָגן דאָס מיט אַ שטאַרק קול,** און דער מענטש וואָס וועט זיך צוגעוואוינען אַזוי צו טוהן, וועלן אים אַוודאי פאַרגעבן ווערן זיינע זינד, אויב ער וועט זיי שוין מער נישט טוהן.

## די מעלה פון שמירת שבת כהלכתו

**ה. סגולה ב',** די צווייטע סגולה האָבן זיי געזאָגט, אַז דער וואָס איז נזהר צו **היטן שבת** מיט אַלע דקדוקים, כאָטש ער האָט געדינט עבודה זרה ווי דער דור אנוש, איז מען אים מוחל, און דער עיקר איז מכפר דאָס וואָס ער איז זיך ספּעציעל מזרז דערצו.

## די מעלה פון זאָגן שירת הים, הויך און פריילעך.

**ו. סגולה ג',** די דריטע סגולה איז בשעת ער זאָגט יעדן טאָג די שירה "**אז ישיר**", זאָל ער זאָגן מיט אַ הויך קול און מיט גרויס שמחה, גלייך ווי ער איז יעצט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, ווייל אין מדרש שטייט "**ויסע משה את ישראל**", און משה רבינו האָט געמאַכט די אידן אַוועקציען פון זייערע עבירות, זייערע עבירות זענען פאַרגעבן געוואָרן. און אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק "**ויאמרו לאמור**", און זיי האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל די שירה זאָגן יעדן טאָג מיט גרויס שמחה, אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

## די מעלה פון אַ מענטש וואָס איז אַ מעביר על מדותיו. דריי מדריגות פון אַ מענטש וואָס הערט זיין שאַנדע און בייזערט זיך נישט.

**ז. סגולה ד',** די פערטע סגולה האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, דער וואָס איז מעביר אויף זיינע מדות, ווען איינער טוט אים שלעכטס, טוט ער אים נישט צוריק, דעם איז מען מוחל אַלע זינד. דעריבער זאָל דער מענטש זאָגן, פאַרוואָס זאָל איך ליידן יסורים אין גיהנם, עס איז בעסער צו ליידן דאָס וואָס דער מענטש זידלט מיך, און ער זאָל אים נישט ענטפערן.

**כמו,** אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, די וואָס ווערן פאַרשעמט פון אַנדערע מענטשן, און זיי פאַרשעמען נישט

צוריק, זיי הערן זייער חרפה, און ענטפערן נישט, זיי טוען מצוות וועגן דעם אויבערשטנס ליבשאַפט, און פרייען זיך מיט די יסורים וואָס דער אויבערשטער שיקט זיי צו, אויף זיי זאָגט דער פּסוק, און זיינע ליבהאָבער וועלן שיינען אַזוי ווי די זון.

**דער** תנא זאָגט דאָ אַרויס דריי מעלות:

**די** ערשטע מעלה איז דער וואָס הערט זיין חרפה און ענטפערט אים יאָ, נאָר דורך זיין ענטפערן פאַרשעמט ער נישט זיין חבר.

**די** אַנדערע מעלה איז, ער ענטפערט אים גאָרנישט, נאָר ער האָט עגמת נפש דערפון וואָס יענער זידלט אים.

**די** דריטע מעלה איז, ער פרייט זיך נאָך דערמיט וואָס יענער זידלט אים, ווייל צוליב דעם וועלן אפשר זיינע זינד פאַרגעבן ווערן.

## די מעלה פון התבודדות - זיך מתבודד זיין מיטן אויבערשטן

**ח. סגולה ה',** די פינעפטע סגולה איז, ער זאָל זיך אָפּשיידן פון מענטשן, און ער זאָל זיצן אין אַ באַזונדער חדר, וואו מענטשן זאָלן אים נישט זען, און ער זאָל אויפהייבן זיינע אויגן צום אויבערשטן ברוך הוא, און ווי ווייט ער וועט צובייגן זיין האַרץ צום אויבערשטן, וועט דער אויבערשטער ברוך הוא זיך דערנענטערן צו אים.

## דער חיוב צו הערן די מוסר רייד וואָס ווערן געזאָגט אין בית המדרש - אַ טעם אויף דעם

**ט. סגולה ו',** די זעקסטע סגולה איז, ער זאָל זיך פרייען מיט די רייד פון אַ חכם, וואָס רעדט וועגן יראת שמים, ווייל דורך דעם ווערן אים פאַרגעבן זיינע עבירות.

**און** מיר זענען מחויב צו הערן שטראָף רייד פון אַ מוכיח, און אַזוי האָט משה רבינו עליו השלום געזאָגט צו אַלע אידן, **״האזינו**

**השמים**״, איר עשירים וואָס איר זענט הויך כמעט אַזוי ווי די הימלען, פאַרנעמט מיינע שטראָף רייד, ״**ותשמע הארץ אמרי פי**״, און די אָרימע לייט וואָס זיי זענען נידעריג אַזוי ווי ערד, זאָלן הערן די ווערטער פון מיין מויל, ״**כי שם ה׳ אקרא**״, איך טוה אָנרופן דעם אויבערשטן׳ס נאָמען. דאָס מיינט, איך שטראָף אייך אין גאָט׳ס נאָמען, דעריבער וועט איר אָפּגעבן דעם כבוד נישט צו מיר, נאָר צום אויבערשטן.

## דער בת קול וואָס גייט אַרויס יעדן טאָג און איז מעורר די מענטשן צו תשובה

**י. דבר אחר,** עס איז באַוואוסט, וואָס עס שטייט אין זוהר הק׳: יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול וואָס רופט אויס, קערט זיך אום אומפאָלגעדיגע קינדער. אויך גייט אַרויס אַ בת-קול פון באַרג סיני און רופט אויס: ווי איז צו די באַשעפענישן וואָס פאַרשעמען די תורה.

**דקשה,** דאַרף מען פאַרשטיין, וויבאַלד אַז מען הערט נישט די קולות, וועגן וואָס רופן זיי אויס? נאָר עס זעט אויס, אַז כאָטש דער פליישיגער אויער הערט נישט, אָבער די נשמה הערט יאָ. און אויב עס פאַלט אַמאָל אַריין אַ געדאַנק פון תשובה אין מענטשנס מוח און האַרץ, זאָל ער וויסן, אַז דאָס איז אַלץ פון די בת-קול.

## די האַרבע עבירה פון גזל, און נאָך עבירות וואָס אַ מענטש טרעט אויף זיי מיט זיינע פיס.

**יא. והנה,** און לאָמיר זוכן אין די רייד וואָס אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, אַז די מערסטע מענטשן ווערן נכשל אין **גזל**, און ווייניג ווערן נכשל אין **זנות**, און אַלע מענטשן ווערן נכשל אין **אבק לשון הרע**.

**לכן,** דעריבער דאַרף מען זייער מדקדק זיין אין דער האַרבקייט פון

**גזל**, ווייל אויב איינער גזל'ט ביי דעם אַנדערן אפילו איין פרוטה, ווערט עס אים גערעכנט אַזוי ווי ער פאַרגיסט זיין בלוט, און דער וואָס טוט די מלאכה פון זיין חבר אָן אמונה, ווערט ער אָנגערופן גזלן. און צו קוקן אויף עריות איז אַ גרויסע זינד, און ער ווערט אָנגערופן נואף. און אַז אַ מענטש גיט געלט פון זיין האַנט צו די האַנט פון אַ פרוי כדי צו קוקן אויף איר, ווערט ער נישט געריינימט פון גיהנם, און ווען ער איז אפילו נאָר מהרהר אין אַן עבירה איז ער פוגם אין זיין נשמה.

**יב. ועוו**, און די זינד פון **לשון הרע** איז זייער גרויס, ווייל די עבירה איז אַזוי גרויס ווי די זינד פון עבודה זרה און זנות און רציחה. און כדי ער זאָל נישט קומען צו לשון הרע, מוז דער מענטש זיך צוגעוואוינען ער זאָל זיין ווי אַ שטומער, און ער זאָל נישט רעדן נאָר דברי תורה.

**יג. וזה**, דער **רבינו האי גאון** שרייבט, **דיין צונג האַלט געבונדן**, און ווען דו ביסט צווישן מענטשן, מאַך דיך ווי אַ שטומער, ווייל אַז דו וועסט לאָזן די צונג רעדן וואָס זי וויל, וועט זי דיך ברענגען אין גיהנם.

**יד. ועל**, און אויף די דריי עבירות האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אונז אָנגעוואָרנט אין קריאת שמע, וואָס מיר זאָגן יעדן טאָג. אויף זנות האָט ער אונז בפירוש אָנגעזאָגט אין דער דריטער פרשה פון קריאת שמע, "**ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם**", איר זאָלט נישט נאָכגיין נאָך אייערע אויגן, צו קוקן אויף שיינע ווייבער. און אויף דער זינד פון גזל האָט ער מזהיר געווען אין דער אַנדערער פרשה, "**ואספת דגנך**", און דו זאָלסט איינזאַמלען דיין קאָרן, און נישט קיין פרעמדנס. און אויף די זינד פון לשון הרע האָט ער מזהיר געווען אין דער ערשטער פרשה, "**ודברת בם**", און דו זאָלסט

רעדן אין דברי תורה, און נישט קיין דברים בטלים, און דער וואָס רעדט אַ סאַך, קומט ער צו לשון הרע.

## קנאה, תאוה און כבוד זענען מרומז אין די דריי פרשיות פון קריאת שמע.

**טו. וכן,** און אַזוי אויך, לאָמיר זוכן די אַנדערע דריי עבירות וואָס מיר האָבן געלערנט אין אַ משנה, די **קנאה, גלוסטיגקייט** און **כבוד**, ציען אַרויס דעם מענטשן פון דער וועלט און פון יענער וועלט. און די דריי ענינים זענען אויך מרומז אין קריאת שמע.

**טז. הכבוד,** דער כבוד איז מרומז, ווייל דער וואָס איז אַ קנעכט, דער באַדאַרף דאָך אַוודאי זיך נישט גרויס האַלטן פאַר אַ קעניג אין די אויגן, און אַוודאי געוויס פאַרן אויבערשטן. און מיר זענען דאָך אייביג פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, ווייל זיין כבוד איז פול איבער דער גאָרער וועלט, און דער שטייגער פון מענטשן איז אַז זיי ווערן געערלעכט דורך זייערע מלבושים, און אויף דעם רמז האָט ער אונז געבאָטן אַז מיר זאָלן מאַכן ציצית אין אונזערע קליידער, צו ווייזן אַז ער קליידט זיך אָן נאָר פאַרן אויבערשטנס וועגן. ממילא איז מרומז (אין קריאת שמע) אַז דער מענטש זאָל דערוויטערן דעם כבוד פון זיך און ער זאָל זיין אַן עניו.

**יז. והתאוה,** און די **גלוסטיקייט** איז מרומז, ווייל עס שטייט אין פסוק "**ואכלת ושבעת**", און דו וועסט עסן און דו וועסט זאַט זיין. שטייט ווייטער אין פסוק "**השמרו לכם**", היט אייך "**פן יפתה לבבכם**", טאָמער וועט אייער האַרץ דערברייטערט ווערן, און איר וועט נאָכגעצויגן ווערן צו די גלוסטיגקייט פון דער וועלט, און דאָס וועט אייך גורם זיין אַז איר וועט זיך צוביסלעך אָפּקערן פון אויבערשטנס דינסט, ביז איר וועט דינען עבודה זרה ח"ו. נאָר ווען דו ביסט שוין זאַט הער אויף צו עסן, ווייל ווען דער שטן זעט אַז אַ

מענטש מערט צו עסן און טרינקען, ווערט ער דערפון גאַנץ פרייליך, און ער וויל אים שטרויכלען אין אַלע עבירות.

**יח. והקנאה,** און די **קנאה** איז מרומז אין דעם ערשטן פסוק, **"שמע ישראל"**, זאַמלט אייך איין, איר אַלע אידן, מיט ליבשאַפט, און מיט איין האַרץ, אָן קנאה און אָן שנאה, און אַז מיר וועלן אַלע זיין גלייך ווי איין מענטש, זענען מיר אויף זיך מקבל דעם יחוד פון אונזער גאָט, און מיר זאָגן **"ה' אלקינו ה' אחד"**, דער גאָט וואָס ער איז אונזער גאָט, דער איז נאָר איין גאָט.

## מען דאַרף מכוון זיין ביי קריאת שמע, צו פאַרריכטן דעם פגם פון חטא העגל.

**יט. וכיון,** וויבאַלד אַז אידן האָבן בשעת דעם חטא פונעם עגל פאַרלוירן די אמונה אין איין גאָט און האָבן משתף געווען דעם עגל, ווי נאָך אַ כוח, און פון יעדן דור מאָנט מען איין זיין חלק וועגן דעם חטא, דעריבער דאַרף יעדער איד, ווען ער זאָגט **"ה' אלוקינו ה' אחד"**, זאָל ער אין זינען האָבן מתקן צו זיין דעם חטא פון עגל, וואָס דאָס מיינט, אַז עס עקזיסטירט נאָך אַ כוח אַחוץ כביכול, השי"ת, ח"ו.

## צוואָנציג זאַכן וואָס דער בעל תשובה דאַרף זיך שטאַרקן אין זיי – פון רבינו יונה

**כ. וקודם,** איידער איך וועל שרייבן די תיקונים, וועל איך פריער שרייבן צוואָנציג זאַכן וואָס דער בעל תשובה זאָל זיך אין זיי שטאַרקן און איינגעוואוינען, ביז זיי וועלן ביי אים בלייבן אַ טבע, כדי ער זאָל דערנאָך אויף זיך נעמען מיט שמחה די סיגופים וואָס ער באַדאַרף טוהן פאַר די עבירות, און ער וועט זיי קענען אויסליידן.

**כתב,** דער חסיד **רבינו יונה** שרייבט, אַז עס זענען דאָ צוואָנציג עיקרי התשובה:

א) דער מענטש זאָל חרטה האָבן אויף אַלע זיינע שלעכטע מעשים וואָס ער האָט געטוהן, און ער זאָל זאָגן, וואָס האָב איך געטוהן, ווי אַזוי איז נישט געווען קעגן מיינע אויגן די פאָרכט פון דעם אויבערשטן.

ב) ער זאָל פאַרלאָזן די עבירות, און עס זאָל בלייבן ביי אים אין האַרץ, אַז ער וועט די עבירה נישט טוהן ביז זיין טויט.

ג) ער זאָל זייער טרויערן אין זיינע געדאַנקען, און ער זאָל זיפצן מיט אַ ביטער האַרץ, און זיין לייב זאָל אים זיין ביטער וואָס ער האָט דערצערנט צו דעם וואָס האָט אים באַשאַפן, און האָט באַשאַפן די זון און די לבנה, הימל און ערד, און אַלץ וואָס איז אין דער וועלט.

ד) ער זאָל פאַסטן און וויינען און קלאָגן אויף די עבירה וואָס ער האָט געטוהן.

ה) ער זאָל זיך זאָרגן און שרעקן און פאָרכטן פאַר דעם עונש וואָס קומט אים פאַר די עבירות, און פיל שלעכטס איז אָנגעגרייט צו קומען אויף אים, און ווי אַזוי וועט ער דערפון ניצול ווערן.

ו) ער זאָל זיך שעמען פאַר'ן אויבערשטן ברוך הוא, און ער זאָל נישט קענען אויפהייבן זיין פנים.

ז) זיין האַרץ זאָל זיין אונטערטעניג, ער זאָל וויסן אַז ער האָט ווידערגעשפעניגט קעגן דעם אויבערשטן ברוך הוא, און ער זאָל זיין מבוזה ביי זיך אַליין, און ער זאָל נישט ענטפערן צו דעם וואָס לעסטערט אים.

ח) ער זאָל אַרויסווייזן **הכנעה**. זיינע אויגן זאָלן שטענדיג זיין צו דער ערד, זיינע רייד מיט אַ נידעריג קול, און ער זאָל רעדן מיט ווייכקייט, און נישט מיט האַרטקייט.

ט) ער זאָל צוברעכן די גראָבע תאוות, ער זאָל זיך אָפּשיידן פון תענוגים, און ער זאָל עסן נאָר אַזויפיל, כדי זיין גוף זאָל קענען האָבן אַ קיום, און נישט קיין איבעריגס.

י) ער זאָל גוט מאַכן זיינע מעשים, אין די זעלבע זאַכן וואָס ער האָט געזינדיגט.

אויב ער האָט **געקוקט אויף עריות**, זאָל ער שטענדיג גיין מיט זיינע אויגן אַראָפּגעבויגן, און ער זאָל לערנען תורה, און דאָרט קוקן מיט זיינע אויגן.

אויב זיינע פיס זענען געלאָפן צו אַן עבירה, זאָל ער שטענדיג לויפן צו אַ דבר מצוה.

אויב ער האָט **געזאָגט ליגן**, זאָל ער זאָגן אמת, און ער זאָל עפענען זיין מויל צו לערנען תורה.

אויב ער האָט **פאַרגאָסן בלוט** מיט זיינע הענט, אָדער ער האָט געג'גזליט, זאָל ער עפענען זיינע הענט צו אַן אָרימאַן, און צו אַ יתום, און ער זאָל ראַטעווען דעם, וואָס ווערט גערויבט פון זיין רויבער.

**אויב** ער האָט געטראַכט אומריינע מחשבות, זאָל ער רייניגן דאָס האַרץ, און ער זאָל זיך פאַרטראַכטן אין דער גרויסקייט פון זיין באַשעפער. אויב ער האָט געמאַכט אַ מחלוקת צווישן מענטשן, זאָל ער נאָכזוכן שלום, און ער זאָל זיך באַמיען שטענדיג צו מאַכן שלום.

יא) ער זאָל געדענקען אַלע זאַכן וואָס ער האָט געזינדיגט, כדי ער זאָל זיך מתוודה זיין, און ער זאָל זיין אונטערטעניג, און ער זאָל שוין נישט מער זינדיגן.

יב) ער זאָל טראַכטן וועגן דעם עונש פון יעדער עבירה, אויף וועלכע עבירה ער איז חייב מלקות, אָדער כרת, אָדער מיתת בית דין, כדי ער זאָל זיין אונטערטעניג, און זאָל ביטער וויינען.

יג) די גרינגע עבירות זאָלן זיין האַרב אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט נישט צו קוקן אויף די גרינגקייט פון דער עבירה, נאָר אויף די גרויסקייט פון גאָט, וואָס ער האָט געבאָטן אויף איר.

יד) ער זאָל זיך מתוודה זיין אויף יעדע עבירה באַזונדער, און ער דאַרף דערמאנען די זינד פון זיינע עלטערן אויך, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק, און זיי זאָלן מתוודה זיין זייערע זינד, און די זינד פון זייערע עלטערן.

טו) ער זאָל מתפלל זיין צו דעם אויבערשטן, און ער זאָל אים בעטן אַז ער זאָל אים מוחל זיין, און אָפּמעקן זיינע זינד.

טז) ער זאָל פאַרריכטן דאָס וואָס ער האָט פאַרקרימט, ער זאָל **אומקערן די גזילה** וואָס ער האָט געיגזליט, אָדער ווען ער איז שולדיג געלט צו זיין חבר זאָל ער באַצאָלן, און אויך ווען ער האָט מצער געווען זיין חבר מיט שלעכטע רייד, אָדער ער האָט אים פאַרשעמט, ער האָט אויף אים גערעדט לשון הרע, האָט ער נישט קיין כפרה ביז ער וועט בעטן דעם חבר אַז ער זאָל אים מוחל זיין.

יז) ער זאָל זוכן חסד און אמת, ווייל דורך דעם ווערן פאַרגעבן זיינע זינד, חסד מיינט מען צדקה און גמילות חסד, און אמת הייסט, ער זאָל שטיצן די מענטשן וואָס זענען אנשי אמת, און די פאַלשע לייט זאָל ער דערנידערן.

יח) זיינע זינד זאָלן שטענדיג זיין קעגן זיינע אויגן, ביז זיין טויט.

יט) ער זאָל פאַרלאָזן די זינד, דאָס מיינט, אַז עס טרעפט זיך אים צו טוהן די עבירה, זאָל ער באַצווינגען זיין יצר הרע, און ער זאָל אַנטלויפן פאַר די עבירה אַזוי ווי מען אַנטלויפט פאַר אַ שווערד, און דאָס זאָל ער טוהן פון יראת שמים, און ווען ער זאָגט אין קריאת שמע ״בכל נפשך״, זאָל ער מכוין זיין, אַז ווען מען זאָל אים הייסן דינען עבודה זרה, אָדער מזנה זיין, אָדער הרג׳ענען עמיצן, און אַז נישט וועט מען אים האַרג׳ענען, וועט ער זיך בעסער לאָזן האַרג׳ענען, און ער וועט נישט זינדיגן, און דאָס וועט ער טוהן וועגן די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא.

כ) ווי ווייט ער וועט קענען, זאָל ער אָפּהאַלטן מענטשן פון צו זינדיגן.

## תשובה תיקונים אויף אַ סאַך סאָרטן עבירות – פון די ספרי קבלה

**כא. אלו,** דאָס זענען די תיקונים פון אַ טייל עבירות וואָס זענען גאַנץ האַרב.

**כב. החוטא,** דער מענטש וואָס האָט **מוציא געווען זרע לבטלה,** איז דאָס אַ גרויסע זינד. דאָס איז געווען די זינד פון דעם דור המבול. זיין תשובה איז, ער זאָל פאַסטן פיר און אַכציג טעג, און פאַר דעם תענית זאָל ער זיך טובל׳ען, און תפילה טוהן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל רייניגן זיין נשמה.

**כד. הבא,** דער מענטש וואָס האָט **געזינדיגט מיט אַ כותית,** זאָל פאַסטן צוויי הונדערט און זעכצן טעג, און ער זאָל תשובה טוהן.

**כה. הבא,** דער מענטש וואָס האָט געזינדיגט מיט אַן **אשת איש,** זאָל ער פאַסטן דריי הונדערט און פינף און צוואָנציג טעג, און ער זאָל זיך אָנטוהן גרויסע סיגופים און זאָל זיך טובל'ען פיל טבילות, און ער זאָל זיך הייסן שלאָגן מלקות וויפיל ער קען אויסהאַלטן, און וואָס מער איז בעסער.

**כו. הבא,** דער מענטש וואָס האָט **געזינדיגט מיט אַ נדה,** זאָל ער פאַסטן ניין און פופציג טעג, און אויף יעדע עבירה פון די אַלע עבירות זאָל ער זיך הייסן שלאָגן מלקות, און ער זאָל זיך וואַלגערן אין אַש, און ער זאָל וויינען מיט קלאָג מער ווי ווען זיין בן יחיד זאָל אים ח"ו שטאַרבן און ליגן פאַר זיינע אויגן.

**כז. הנשבע,** דער מענטש וואָס האָט **פאַלש געשוואוירן,** זאָל ער פאַסטן זיבן און דרייסיג טעג.

**כח. המקלל,** דער מענטש וואָס **שעלט זיין פאָטער און מוטער,** אָדער ער האָט זיי מבזה געווען מיט רייד, דאָס איז אַ גרויסע זינד. ער זאָל פאַסטן זעכציג טעג, און ער זאָל זיך אָנקליידן אַ זאַק, און וואַלגערן זיך אין אַש.

**די** ערשטע חכמים האָבן געזאָגט, דאָס וואָרט **תשובה** איז ראשי תיבות **ת**ענית **ש**ק **ו**אפר **ב**כי **ה**ספד, דאָס איז טייטש פאַסטן און אָנקליידן אַ זאַק, און אַש און וויינען און קלאָגן, און דער וואָס פאַסט, מוז אַוועקגעבן צו אָרעמעלייט דאָס, וואָס דאָס עסן פון דעם טאָג וואָלט אים געקאָסט.

**און** אַזוי האָט רבינו **שלמה מלכו** געזאָגט, דאָס וואָרט **תענית** איז די אותיות **תת עני,** דו זאָלסט געבן צדקה צו אַן אָרימאַן, אַזוי ווי

אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, דער שכר פון פאַסטן איז די צדקה וואָס מען גיט דעמאָלט.

**כט. המדבר, דער וואָס רעדט אין שוהל זאָל פאַסטן פערציג טעג, ווייל ער האָט מזלזל געווען אין דער ספר תורה וואָס שטייט אין שוהל.**

**ל. הגורם,** דער וואָס האָט גורם געווען פאַר זיין חבר אַ **שאָדן פון געלט,** הייסט עס גלייך ווי ער האָט גע'הרג'עט אים מיט זיין ווייב און קינדער. מוז ער אים באַצאָלן דעם שאָדן וואָס ער האָט געהאַט דורך אים, און ער מוז אים איבערבעטן פאַר פיל מענטשן, און ער זאָל זיך הייסן שלאָגן מלקות, און ער זאָל פאַסטן מער פון רציחה.

**לא. הולך,** דער וואָס גייט אַרום זאָגן **רכילות,** דער דאָזיגער מענטש האָט כמעט נישט קיין תקנה, אַזוי ווי די שלאַנג וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן אויף אייביג, ער מוז ריכטיג תשובה טוהן, און ער זאָל זיך מתוודה זיין ווילאַנג ער וועט לעבן, און אַלע זיינע באַשעפטיגונגען זאָלן זיין נאָר אין תורה און אין מצוות, און ער זאָל מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב און צווישן מענטשן.

**לב. המלבין,** דער מענטש וואָס **פאַרשעמט זיין חבר** פאַר פיל מענטשן, האָט ער נישט קיין חלק אין עולם הבא, און ער מוז פאַסטן פיל תעניתים, און ער זאָל זיך מתוודה זיין ווילאַנג ער וועט לעבן.

**לג. המכנה,** דער מענטש וואָס גיט זיין חבר אַ **צונאָמען,** זאָל ער אים בעטן פאַר פיל מענטשן אַז ער זאָל אים מוחל זיין, און ער זאָל זיך הייסן שלאָגן מלקות, און ער זאָל זיך מתוודה זיין און פאַסטן צום וויינגסטן דרייסיג טעג, און ער זאָל זיך מצער זיין אויף דעם וואָס ער האָט געטוהן, און ער זאָל שוין מער נישט טוהן די עבירה.

**לד. החונף,** דער מענטש וואָס **חנפ'עט** אַנדערע, אָדער ער האַלט זיך גרויס, זאָל ער פאַסטן פערציג טעג, און ער זאָל זיך הייסן שלאָגן מלקות.

**לה. המנבל,** דער מענטש וואָס **רעדט ניבול פה,** זאָל ער חרטה האָבן דערויף, און ער זאָל זיך מתוודה זיין, און ער זאָל פאַסטן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג צום ווייניגסטן אַ האַלב יאָר, און ער זאָל שטענדיג טראַכטן אַז דאָס מויל איז נישט באַשאַפן געוואָרן נאָר צו לערנען תורה און צו רעדן וואָס מען דאַרף פאַר'ן אויבערשטן'ס וועגן.

**לו. הגוזל,** דער מענטש וואָס האָט **גע'גזל'ט** ביי זיין חבר, זאָל ער אים באַצאָלן, און ער זאָל אים בעטן אַז ער זאָל אים מוחל זיין דעם צער וואָס ער האָט געהאַט, און ער זאָל זיך הייסן שלאָגן מלקות, און ער זאָל פאַסטן פיל תעניתים. ווייל, ווער עס איז עובר אויף אַ לאו פון דער תורה, מוז פאַסטן פערציג טעג, און אויב פאַר דער עבירה קומט כרת אָדער מיתת בית דין, מוז ער פאַסטן אַכציג טעג, און ער מוז זיך אָנטוהן סיגופים.

**און** אויב ער האָט **געשוואוירן פאַלש** איז דאָס נאָך אַ גרעסערע עבירה פון אַלע עבירות, דעריבער מוז ער דערויף מער פאַסטן און מער תשובה טוהן.

**אויב** ער האָט **גע'גזל'ט** און טוט תשובה, זאָל ער נישט מער אָננעמען קיין פקדון, און ער זאָל געבן צדקה מער פון אַלע מענטשן, און ער זאָל טוהן גמילות חסד מיט זיין גוף, און מיט זיין געלט, און ער זאָל מוותר זיין פון זיין געלט צו די וואָס לערנען תורה, און דעמאָלט וועט ער האָבן אַ כפרה.

**לז. הלוקח,** דער וואָס נעמט **רבית,** דאַרף ער אומקערן די רווחים, און זאָל זיך הייסן מלקות שלאָגן, און ער זאָל זיך

מתוודה זיין, און ער זאָל פאַסטן אַ גאַנץ יאָר, און ער זאָל אַ גאַנץ יאָר נישט לייען אויף רבית. און דער וואָס נעמט רבית, דער שטייט נישט אויף קיין תחיית המתים, דעריבער זאָל ער טוהן רעכטע תשובה.

**לח. המאנה,** דער וואָס נאַרט אַ גר, מוז ער אים איבערבעטן, און ער מוז זיך אויך מתוודה זיין, און זיך שלאָגן מלקות, און ער זאָל פאַסטן פערציג טעג.

**לט. חטא,** אויב ער האָט געזינדיגט מיט עסן טריפות, אָדער ער האָט זיך אָנגעטוהן פיל תענוגים, זאָל ער פאַסטן ביז זיין גוף וועט שוואַך ווערן, און ער זאָל זיך שטענדיג באַהעפטן מיט אָרימע לייט.

**מ. חטא,** אויב ער האָט געזינדיגט מיט **חילול השם**, זאָל ער זיך מתוודה זיין פאַר פיל מענטשן, און ער זאָל זאָגן, איר זאָלט אייך נישט אָפּלערנען פון מיר, ווייל איך האָב געזינדיגט, און ווידערגעשפעניגט קעגן דעם אויבערשטן, איך האָב פאַרשוועכט זיין הייליגן נאָמען דורך מיין נאַרישקייט, און ער זאָל פיל פאַסטן, און ער זאָל זיך לאָזן שלאָגן מלקות, און ער זאָל זיך מתוודה זיין אויף זיינע עבירות אַלע טעג, ביז זיין טויט.

**מא. כללו,** דער כלל איז, די תשובה האָט גאָר קיין עק נישט, און וואָס מיר האָבן געלערנט וועגן געוויסע מענטשן אַז זיי האָבן נישט קיין חלק אין עולם הבא, מיינט מען, אַז זיי האָבן נישט געטוהן קיין תשובה, אָבער אויב זיי האָבן תשובה געטוהן ווי געהעריג, איז נישטאָ קיין שום עבירה וואָס תשובה זאָל נישט העלפן.

**זע,** ריש לקיש מיט זיינע צוויי חברים וואָס זענען געזעסן אויף די בערג און האָבן באַגזל'ט מענטשן, ריש לקיש האָט תשובה געטוהן און האָט גע'ירש'נט גן עדן, און זיינע חברים וועלכע האָבן נישט תשובה געטוהן, האָבן גע'ירש'נט דעם גיהנם.

## אַ מענטש דאַרף מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט שטאַרבן אָן תשובה

**מב. צריך,** יעדער מענטש מוז מתפלל זיין אַז ער זאָל נישט שטאַרבן אָן תשובה, דער אויבערשטער זאָל אים לאָזן אויף דער וועלט ביז ער וועט געהעריג תשובה טוהן, אָנצוגרייטן שפייז פאַר זיין נשמה אויף איר וויטן וועג.

## דער וואָס טוט תשובה, דאַרף אויך זען דערצו אַז אַנדערע מענטשן זאָלן תשובה טוהן.

**מג. צריך,** דער בעל תשובה מוז אָפּהאַלטן מענטשן פון זינד, און ער זאָל לערנען און מדריך זיין מענטשן אין רעכטפאַרטיגן וועג, און ער זאָל זיי שטראָפן, און ער זאָל זיי מודיע זיין דעם עונש און שכר, ווי דער אויבערשטער ברוך הוא נעמט אָן די תשובה פון מענטשן.

## די מליצה פונעם שר מטטרו"ן

**מד. מליצת,** די דאָזיגע מליצה האָט געזאָגט דער מלאך מט"ט (שר הפנים), מיין זוהן, דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט די אויגן, טאָמער וועסטו געשטרויכלט ווערן אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט. און דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט דיינע אויערן, ווייל אין דער צייט ווען דו וועסט שטיין פאַר דיין האַר תפילה צו טוהן, וועט די תפילה נישט צוגעהערט ווערן. און דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט דער נאָז, און מיט דיין מויל און צונג, ווייל דער מלאך וועט זאָגן דיינע זינד. און דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט עסן אַז דו זאָלסט פאַרלירן עולם הבא. און דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט דיינע הענט, ווייל ווי אַזוי וועסטו קענען שטיין ווען דיינע מעשים וועלן עדות זאָגן אַקעגן דיר, און דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט דיין האַרץ צו פאַרקרומען דיין מחשבה, און נישט מיט אַלע דיינע איבעריגע איברים.

**מה. ואַל**, דו זאָלסט נישט זינדיגן מיט דיין נשמה, נאָר לערן תורה ווי ווייט דיין מעגליכקייט דערגרייכט. און דו זאָלסט נישט זינדיגן פאַר דיין באַשעפער, געדענק אַז ער איז דיין באַשעפער, ער איז דיין פאָטער, און ער שפייזט דיך, ביז דיין עלטער און דיין גראָהקייט, וועט ער דיך נישט פאַרלאָזן.

## אַ בן תורה זאָל זיך נישט מסגף זיין צוליב תשובה

**מו. כתב**, דער **ספר חרדים** שרייבט, איך האָב געפינען אין דעם ספר פון רב ר׳ **יצחק לוריא** זצלה״ה, ער שרייבט, דאָס אַלץ וואָס דו וועסט זעהן אין ספרים, וואָס די ערשטע חכמים האָבן געשריבן שטראָף רייד אויף זינד, אַז מען זאָל זיך אָנטוהן סיגופים און שווערע יסורים, און צו וואַלגערן זיך אין שניי, און זיצן אין דערנער, און פאַסטן הפסקות, דאָס אַלץ איז נאָר צו דעם וואָס קען נישט לערנען, אָבער דער וואָס קען לערנען, און ער זיצט און לערנט, און ער ווייסט דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, איז זיין תקנה אַז ער זאָל נישט מבטל זיין פון לערנען, נאָר איין טאָג אין דער וואָך זאָל ער זיצן אין אַ באַזונדערן צימער, און ער זאָל פאַרקניפּן זיין מחשבה אין זיין באַשעפער גלייך ווי ער שטייט פאַר אים אין דעם יום הדין, און ער זאָל אים זייער שטאַרק בעטן ער זאָל אים מוחל זיין די זינד, אַזוי ווי אַ קנעכט רעדט צו זיין האַר, און אַ זוהן צו זיין פאָטער.

## יעדער מענטש וואָס קומט בעטן אַ תשובה, זאָל מען אים נישט שווער מאַכן די תשובה.

**מז. צריך**, ווען עמיצער קומט צו אַ תלמיד חכם בעטן אַ תשובה, מוז ער אויף אים אין אָנהייב נישט שווער מאַכן די תשובה, טאָמער וועט זי זיין צו שווער אין זיינע אויגן, און ווייל ער וועט מיינען אַז ער וועט די תשובה נישט קענען אויסליידן, וועט ער גאָרנישט ווען תשובה טוהן. דעריבער דאַרף ער פאַר אים גרינג מאַכן

די תשובה, און ער זאָל אים זאָגן, דו באַדאַרפסט מער נישט, נאָר צו פאַרלאָזן דיינע שלעכטע מעשים, ביז ער וועט זיך דערמיט געוואוינען.

**דערנאָך,** זאָל ער אים געוואוינען ביסלעכווייז צו פאַסטן, און דערנאָך זאָל ער אים געוואוינען זיך אָנצוטוהן אַזעלכע סיגופים וואָס געהערן צו דער עבירה, ווייל וויבאַלד ער האָט אויף זיך שוין פריער מקבל געווען די תשובה, וועט מען פון הימל אים שוין העלפן דערצו, און דערנאָך וואָס מען וועט אויף אים שווער מאַכן וועט ער שוין מקבל זיין אויף זיך.

**יעדער וואָס געוואוינט זיך צו דינען דעם אויבערשטן, זאָל נישט אָנהויבן מיט שווערע זאַכן, נאָר מיט גרינגע זאַכן.**

**מח. וכמו,** אַזוי ווי דער **רבינו תם** שרייבט אין **ספר הישר,** דו זאָלסט וויסן, אַז קיין מענטש פאַרמיאוס'ט זיך נישט אין קיין מעשה נאָר בשעת ער הייבט זי אָן צו טוהן, אָבער אַז ער טוט זי עטלעכע מאָל ווערט דאָס אַלץ אַ טבע ביי אים, כאָטש אפילו ווען עס זאָל זיין אַ גרויסע טירחא, ווייל אַזוי קען מען זען, אַז דער וואָס געוואוינט זיך צו עסן אַזאַ זאַך וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געגעסן, אָדער אַזאַ זאַך וואָס ער פאַרמיאוס'ט זיך עס צו עסן, אָדער אַ ביטערע זאַך, אַז ער געוואוינט זיך דערמיט פיל טעג וועט עס אויף אים נישט שווער זיין.

**על כן,** דעריבער זאָג איך, אַז דער וואָס וויל זיך געוואוינען צו דינען דעם אויבערשטן, זאָל ער נישט אָנהייבן מיט שווערע ענינים, נאָר מיט גרינגע זאַכן, און אויב ער קען אַפילו די גרינגע זאַכן אויך נישט טוהן, זאָל ער טוהן אַ טייל פון זיי, און אַלעמאָל זאָל ער טוהן מער, אָבער ער זאָל זיי נישט אַוועקוואַרפן אינגאַנצן.

**מט. והענינים,** און די גרינגע זאַכן זענען: תפילה טוהן, און העלפן אָרימעלייט ווי ווייט זיין יכולת איז, און מבקר חולים זיין, און מלוה זיין מתים. און די שווערע ענינים זענען

פאַסטן, און פאַרמיידן זיך פון תאוות, און היטן זיך פון נאַרן מענטשן, און באַ׳גזל׳ען זיי, און שווערן, כעס און קנאה.

**יש,** אויך דער מענטש דאַרף צוגעוואוינען זיין לייב אַזוי ווי אַ פּאָטער געוואוינט זיין זוהן צו לערנען אים דרך ארץ.

**צוערשט,** באַדאַרף ער אים לערנען די גרינגע זאַכן, וואָס אין זיי איז נישטאָ קיין טירחא, אָבער אַז ער וועט אים לערנען די שווערע זאַכן, וועט ער בלייבן ביי גאָרנישט. אַזוי אויך אַז איינער קומט נעמען אַ תשובה, מוז מען אים פריער גרינג מאַכן, ביז ער געוואוינט זיך אין דער גרינגער תשובה, דערנאָך קען ער אַלעמאָל טוהן מער און מער, און דאַן וועט ער זיך נישט פאַר׳מיאוס׳ן אין דער תשובה.

❁ ❁ ❁

## הוספה לאות ה׳ - ע׳ ה׳

**מעשה נורא ווי אַזוי מען איז מדקדק אין הימל אויף קדושת השבת**

**הרה״ק** רבי שלום בוזאַגלאָ, דער מחבר פון ״מקדש מלך״, אַ פירוש אויפ׳ן תקוני הזוהר, איז געפאָרן אויף אַ שיף, פון לאָנדאָן אויפ׳ן וועג צו די הייליגע שטאָט צפת. איינמאָל אין אַ ערב שבת, האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אין איינע פון די לענדער. אַסאַך פּאַסאַזשירן זענען אַראָפּ פון דער שיף, צווישן זיי אויך דער בעל ״מקדש מלך״. אַזוי שפּאַצירנדיג אויף דער יבשה, האָט דער צדיק זיך פאַרזונקען אין טיפע געדאַנקען, און האָט נישט באַמערקט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז ער איז ווייט פאַרגאַנגען אין וואַלד, און קיינער איז נישטאָ נעבן אים.

**ער** האָט זיך שנעל אומגעקערט צו דער שיף, אָבער ער האָט איר שוין נישט געטראָפן, ווייל זי איז שוין אָפּגעפאָרן און איז שוין אינמיטן ים. איז דער צדיק דערציטערט געוואָרן און אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען, ווייל ער איז געבליבן אַליין אין אַ פּלאַץ וואו קיינער וואוינט נישט. נאָך אַביסל וועט די זון אונטערגיין, און דער הייליגער שבת קומט אָן. דער צדיק האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, איז ער צוריק אַריין אין וואַלד וואו ער איז פריער געווען.

**פּלוצלונג** האָט זיך פונדערווייטנס אַנטפּלעקט פאַר אים, אַזוי ווי אַ שטוב אין וואַלד, האָט דער צדיק געצווייפלט צו ער זאָל אַהין גיין, עס קען דאָרט זיין אַ געפאַר פאַר אים. אינדערצווישן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסער אָדלער און האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם צדיק, ווי איינער בעט זיך ער זאָל אַרויפגיין אויף זיינע פליגלען. דער צדיק האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אים, און דער אָדלער האָט זיך אויפגעהויבן און אים געברענגט צום הויז, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט טיף אין וואַלד. ער האָט דערזען אַ וואונדערבאַרן הויכן פּאַלאַץ. מיט גרויס שרעק האָט ער געעפנט דעם טויער פון פּאַלאַץ און איז אַריין אינעווייניג. די הערליכע צימערן זענען געווען געבויט פון

עלעפאַנט-ביין, און עס איז געווען אין זיי אַריינגעזעצט אַלע סאָרטן טייערע שטיינער און פערל, אויך די שלעסער זענען געווען צוגעדעקט מיט גאָלד. אין די זאַלן זענען געווען גאָלדענע און זילבערנע כלים, און אויף דער ערד זענען געווען אויסגעשפרייט שיינע טעפיכער וואָס קיין אויג האָט דאָס נאָך נישט געזען, און דער גאַנצער פּאַלאַץ איז געווען ליידיג פון מענטשן, איז דער צדיק זייער דערשטוינט געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ השגחה פון אויבערשטן, אים אַהער צו ברענגען אויף דעם פלאַץ, און דאָס קען נישט זיין נאָר דער גן- עדן...

**דער** צדיק האָט מתפלל געווען צו השם יתברך, און געזאָגט: "איך בין דאָך געוואוינט זיך טובל צו זיין יעדן ערב שבת אין אַ מקוה, און וואָס זאָל איך יעצט טאָן"?... ער האָט נאָך נישט געענדיגט רעדן, און אַ קוואַל וואַסער איז פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט געוואָרן. דער רב איז אַראָפּ אין מקוה און זיך גע'טובל'ט, און נאָכדעם האָט ער זיך ווידער געוואָנדן צום אויבערשטן מיט די ווערטער: "איך בעט דיר, הייליגער באַשעפער, מיין סדר איז אָנצוטאָן פיר ווייסע קליידער לכבוד שבת-קודש"... האָט ער באַלד דערזען פיר ווייסע קליידער אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש, ווי אויך אַ גמרא מסכת שבת, זייער שיין געבינדן. אויפ'ן טיש זענען געשטאַנען שבת'דיגע מאכלים, אַזוי ווי ער איז געווען געוואוינט אין שטוב. האָט זיך דער צדיק אַוועקגעזעצט ביים טיש און געלערנט מסכת שבת. אַזוי לערנענדיג, האָט ער מחדש געווען וואונדערליכע חידושים. נאָכדעם אין די צייט פון שקיעת החמה, האָט ער דערזען אַ שיינע גאָלדענע מנורה און ליכט, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיי אָנגעצינדן.

**פלוצלונג** הערט זיך קולות פון מענטשן וואָס נעמען זיך צונויף אונטערן פאָרהאַנג פון אַנדערן היכל, האָט דער צדיק פּרובירט עפענען די טיר פונעם היכל, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקענט... האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט קיין ערלויבעניש אַריינצוגיין דאָרטן. האָט ער צוגעבויגן זיין אויער און געהערט, ווי זיי

האָבן אָנגעפאַנגען צו דאַווענען מנחה, האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן זיין טלית און האָט מיטגעדאַוונט מיט זיי מנחה מיט גרויס יראה און שמחה, און אַזוי אויך קבלת-שבת און מעריב. נאָכן דאַווענען מעריב האָט ער געגעסן פון דעם גרייטן וואָס איז געלעגן אויפ׳ן טיש, פון אַלע סאָרט מטעמי שבת, און ער האָט געפילט אין דעם אַ מעין עולם הבא... נאָכ׳ן בענטשן האָט ער געזעהן פאַר זיך אַן אויסגעשפרייטע בעט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם, און ער איז איינגעשלאָפן אין אַ זיסן שלאָף.

**צומאָרגנס,** שבת צופרי, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך גע׳טובל׳ט אין מקוה און האָט געדאַוונט שחרית, פון אונטער די וואַנט פון זיין צימער האָט ער געהערט קולות פון דאַווענען מיט אַ קלאָרע און אַ הייליגע זיסע שטימע... ביי קריאת-התורה האָט ער געהערט, ווי די שבעה רועים זענען עולה לתורה, אברהם, יצחק א.א.וו... ער איז שטאַרק דערציטערט געוואָרן. נאָכ׳ן דאַווענען האָט ער ווידער געזען פאַר זיך, ווי ס׳איז פאַר אים גרייט אויפ׳ן טיש אַלע מטעמים פון שבת, האָט ער געגעסן און געלערנט און זיך אַביסל צוגעלייגט. צו די דריטע סעודה האָט ער געגעסן גאָר געשמאַקע פיש, און געזינגען זמירות, ביז ס׳האָט דערגרייכט די צייט פון מעריב.

**ווען** דער שבת איז אַוועק, האָט דעם צדיק אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער שלאָף, און איז איינגעשלאָפן. עס האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט, ווי ער גייט אויף יענער וועלט און עס זיצן דער בית דין של מעלה, וועלכער משפט די נשמות פון מענטשן וואָס זענען נפטר געוואָרן דעם פאַרגאַנגענער שבת. ווען עס איז אַריבער די נשמה פון אַ צדיק, איז געווען אַ גרויסע שמחה, אַלע האָבן אויסגערופן: ״מאַכט פלאַץ פאַר׳ן צדיק, און גיט אים אַן אָרט אין גן עדן״!

**צווישן** די נשמות וועלכע זענען גע׳משפט געוואָרן איז געווען אַן עלטערער מענטש פון אַכציג יאָר, וועלכער האָט געהאַלטן אַ

שענק נאָנט צו די הייליגע שטאָט צפת, און דער זקן איז אויסגערופן געוואָרן אין הימל אַלס צדיק. מען האָט אים שוין געמאַכט אַ וועג ער זאָל גיין אין גן עדן... אין דעם מאָמענט איז געקומען אַ מלאך מיט שוואַרצע קליידער אין אַ מורא׳דיג געשטאַלט. ער האָט געשריגן: ״וואַרט מיר נאָר מיט דעם אַלטיטשקן, דער בעל-הבית פון דעם שענק, ווייל ער האָט אַ פגם... אין איינע פון די שבתים איז געקומען צו אים אַן אַראַבער און האָט געוואָלט קויפן משקה, און אַזוי ווי דער זקן האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן צוליב קדושת שבת, האָט אים דער אַראַבער געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט אים נישט געבן די משקה וועט ער אים הרג׳ענען, און אַזוי ווי דער זקן האָט געזען, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה, האָט ער געזאָגט צום אַראַבער: גיי נעם זיך אַליין די משקה... און וויבאַלד דאָס נעמען די משקה איז געווען פאַרבונדן מיט חילול שבת, איז דער מענטש נישט ווערט צו גיין אין גן-עדן״.

**אַזוי** ווי די וואָס זיצן ביים משפט האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי געזאָגט: אַפילו דער מענטש האָט נישט באַקומען קיין געלט פון דעם אַראַבער, פונדעסטוועגן וויבאַלד ער איז דאָך אַ תלמיד-חכם דאַרף מען גיין מיט אים שטרענג, ווייל די זאַך האָט דאָך פאָרט געמאַכט אַ פעלער אין זיין נפש... האָבן זיי גע׳פסקנט, אַז זיין נשמה זאָל זיך אַרומוואַלגערן זיבן יאָר, און הערשט נאָכדעם וועט ער קענען אַריינגיין אין גן-עדן.

**האָט** זיך דער בעל ״מקדש מלך״ געוואונדערט אויף דעם פסק דין, ווייל אַפילו רשעים אין גיהנום זענען נישט דאָרט מער ווי צוועלעף חדשים, אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל דער צדיק ליידן זיבן יאָר וועגן אַ נדנוד פון אַ חטא?... האָט דער צדיק זיך דערבאַרעמט אויף דעם זקן, און האָט זיך געשטעלט פאַר׳ן בית דין של מעלה און האָט געזאָגט: ״איך גיי אַנשטאָט דעם צדיק, נעמט מיר און איך וועל ליידן

די זיבן יאָר אַרום וואַלגערן, און דעם צדיק פירט שוין אַריין אין גן עדן !... האָט דער בית-דין אָנגענומען זיין פאָרשלאָג, און דער זקן איז אַריין אין גן-עדן ווען ער שאָקלט אים צו מיטן קאָפּ אַלס דאַנק.

**די** דיינים פון בי"ד של מעלה האָבן אָנגעהויבן דיסקוטירן צווישן זיך, און האָבן געוואָלט נאָכקאָנטראָלירן די מעשים פונעם "מקדש מלך", אויב ער איז טאַקע ווערט צו אַזאַ שטראָף, נאָכדעם וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע אהבת ישראל פאַר אַ מענטש וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקענט... ענדלעך האָבן זיי באַשטעטיגט, אַז מען דאַרף אים פאַרגרינגערן דעם עונש, און אַ טאָג זאָל גערעכנט ווערן פאַר אַ יאָר, און די זיבן יאָר זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין זיבן טעג פון וואַנדערונג.

**וויבאַלד** דער זקן האָט געהאַט זיבן קינדער, איז נגזר געוואָרן אויפ'ן בעל "מקדש מלך", ער זאָל נעכטיגן יעדן נאַכט ביי איינעם פון זיי, און נאָך די זיבן נעכט וועט ער שוין האָבן אַלעס אָפּגעקומען, און ער וועט שוין דאַן קענען האָבן מנוחה אין הייליגן לאַנד צו לאַנגע יאָרן.

**נאָכדעם** האָט זיך דער בעל "מקדש מלך" אויפגעוועקט פון שלאָף, און האָט געזען פאַר זיך אַ ברייט פעלד, און עס איז נישט געווען מער קיין זכר פון דעם נעכטיגן פאַלאַץ. האָט ער געוואָלט וויסן וואו ער געפינט זיך ?... ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געזען פונדערווייטנס אַסאַך מענטשן קומען אַראָפּ פון אַ באַרג מיט ליכט אין זייערע הענט צו באַלייכטן דעם וועג. ווען די מענטשן זענען צוגעקומען נאָנט צו אים, האָט ער זיי געפרעגט, וואָס איז דער נאָמען פון דעם אָרט, האָבן זיי אים געזאָגט אַז דאָס איז די שטאָט צפת, און דער פעלד איז דער בית-עלמין פון שטאָט.

**ער** האָט זיי נישט מגלה געווען ווער ער איז, נאָר ער האָט זיי ווייטער געפרעגט ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי קומען און וואו זיי גייען.

האָבן זיי אים געזאָגט: דעם שבת איז נפטר געוואָרן אין צפת אַ עלטערער איד, בערך אַכציג יאָר, אַ גרויסער תלמיד חכם, וואָס האָט געהאַט אַ שענק, מיר האָבן זיך באַשעפטיגט מיט אים אַ גאַנצן מוצאי שבת, און איצט קומען מיר צוריק פון זיין קבורה.

**ווי** ערשטוינט איז דער רב געוואָרן הערנדיג אַז זיין גאַנצער חלום איז אמת, און פון הימל האָט מען אים אַהער געברענגט צו די הייליגע שטאָט צפת, וואו ער האָט געגלוסט דאָרטן צו וואוינען.

**האָט** דער צדיק געוואָלט וויסן וואו ער קען איבערנעכטיגן די נאַכט, און וויבאַלד צווישן די מלווים זענען אויך געווען די זיבן קינדער פון דעם נפטר, האָבן זיי פאָרגעשלאָגן זייער הויז פאַר אַן אכסניא, אָבער ס'איז געוואָרן אַ קריגעריי, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט אַז דער צדיק זאָל ביי אים איינשטיין... האָט דער "מקדש מלך", וואָס האָט דאָס צוגעזעהן, זיך אָנגערופן צו זיי: קינדער קריגט זיך נישט, יעדן נאַכט וועל איך נעכטיגן ביי אַן אַנדערן פון אייך, און אַזוי אַרום וועט איר אַלע זיין צופרידן.

**דער** רב האָט מקיים געווען זיינע ווערטער, און נאָך די זיבן נעכט איז דער צדיק פטור געוואָרן פון זיין עונש וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אין חלום אָט דעם מוצאי-שבת.

(סיפורי צדיקים)

❖ ❖ ❖

## הוספה לאות יא

אם נהנה אדם מממון של גזל או שאר איסורים, גורם בזה פגם בנפשות בניו אחריו, ודא עקא שאין הבנים מתנהגים בדרך הישר והטוב.

בוא וראה מה שכתב בספר בנין דוד (בפרשת נח) בשם הרה"ק מוה"ר חיים מקאסוב זי"ע בספר בנין דוד להגה"צ מאוהעל זצ"ל הי"ד הביא בשם הרה"ק מוה"ר חיים מקאסוב זי"ע בעמח"ס תורת חיים, שאנו רואים חסידים ואנשי מעשה ובניהם סרו מדרך השי"ת, דיש לנו ב' סוגי מצות, מצות שבין אדם למקום ומצות שבין אדם לחבירו, להיות נושא ונותן באמונה שלא להנות מממון של

אחרים, דאם נהנה מממון של אחרים לגזל יחשב ואזי הבנים נתפטמו מגזל המוליד טבע רע, לכן ח״ו התולדות פורקים מעליהם עול מלכות שמים עכ״ד הק׳.

והביא שם שכ״כ בישמח משה בפ׳ בחוקותי, וקדמו בזה הגאון הרבי ר׳ יונתן זצ״ל, לפרש הפסוק (ישעי׳ י״א) ואריי כבקר יאכל תבן, דהנה איתא בספר הפליאה אשר הארי יש לו כל סימני טהרה, ואפ״ה אסר לנו השי״ת לאכלו, יען כי נתפטם מגזל ואוכל החיות טמאות אשר מולידים לו טבע רע, אבל בעת הגאולה שיהי׳ שלום בין החיות וגר זאב עם כבש, ולא יאכל הארי את החיות רק יאכל תבן, ממילא יהי׳ הארי כבקר וזאב. וזהו פירוש הכתוב, ואריי כבקר, שיהי׳ בעת הגאולה בהמה טהורה הראוי לאכילה כמו הבקר, והטעם, כי יאכל תבן ולא יאכל את החיות ודפח״ח.

ועפי״ז מפרש בבנין דוד הפסוק בתהלים הושיעה ד׳ כי גמר חסיד כי פסו אמונים מבני אדם, הכוונה שמבקש דוד המלך ע״ה שיעזור ה׳ כי גמר חסיד, כי הבנים אינם מתנהגים בדרכי התורה והיראה, והגורם לזה כי פסו אמונים מבני אדם כי אינם נושאים ונותנים באמונה ונתפטמו הבנים מדברים האסורים, עיי״ש עוד מה שהאריך בזה.

וכדברים האלו מבואר בספה״ק אגרא דפרקא (אות קכ״ו) וז״ל, אמר כבוד אדמו״ר הרב הקדוש מוה״ר מנחם מענדל (מרימנוב זצ״ל) על מה שהוא מן התימא שאנחנו רואין כמה פעמים הילדים בקטנותם הולכים לבית רבם ומתמידים בלימוד תורתם ומתפללים בכוונה ועונים אישי״ר ואמן ומיישרים אורחותם, ואחר כך כמשתגדלים מתהפכים ח״ו במדות גרועות ומבטלים התורה והתפלה וכיוצא ומאין יתהוה זה, הרי התורה שלמדו בקטנותם והוא הבל שאין בו חטא היה מהראוי שתעמוד למשען להם ויוסיפו אומץ בנפשותם כי מצוה גוררת מצוה. ואמר הוא ז״ל שהוא על שאבותיהם האכילו אותם ממון גזל שסיגלו על ידי משא ומתן שאינו באמונה ונתפטמו באיסורים ושב להם לבשר מבשרם ועי״ז נולדים תאות ומדות גרועות. והביא ראי׳ מזפק העוף על שנהנה מן הגזל לא נתקרב לגבי המזבח כי לא לרצון יהיה, והגם שהעוף לא מצטוה הנה השי״ת שונא החמס, עכדה״ק.

ושם (באות פ״ב) הביא האגרא דפרקא מספר זהר (בראשית דף עח.) לך לך וכו׳ ומבית אביך שלא תשגח בביתא דאבוך, וכתב הרמ״ז ר״ל שלא יהנה כלום משל אביו שלא יחשוב לברר בירורים מבית אביו מניצוצי הקדושה הכמוסים שם לפי שעדיין לא הגיע זמנם לתקן.

וכתב האגרא דפרקא וז״ל, מזה ילמוד אדם דעת להזהר שלא להנות מאדם שאינו הגון, ובפרט המשתדלים בעצמם להשיג ממון מרע מעללים ואנשי בליעל הם המתטפשים וקונים לעצמם מדות רעות כי כח הפועל בנפעל. והאדם הרע מעללים שהסגיל המעות ההוא, הנה כח הפועל בנפעל היינו (המעות), והאיש

הישר הלוקח אותו הממון ולא יוכל לברר הטוב מן הרע קונה לעצמו מדות רעות, ומשום הכי נאסר לנו מרז״ל (ב״ק קיג.) אפילו לפרוט מטבע מתיבת המוכסן, עכלה״ק.

נמצינו למדין מכל זה דאם נהנה אדם מממון של גזל או שאר איסורים, גורם בזה פגם בנפשות בניו אחריו, ודא עקא שאין הבנים מתנהגים בדרך הישר והטוב.

וזהו הי׳ ענין השחתת דור המבול, שרצו כל ימיהם אחר תאוות הכסף והמותרות, ועי״ז השחיתו את דרכם על הארץ, שגם הארץ נשחתה עמהם יחד, וכמ״ש באגרא דפרקא הנ״ל דע״י שנהנה מאותו הממון אינו יכול לברר הטוב מן הרע, וקונה לעצמו מדות רעות, וכיון שלא בוררו הטוב מהרע, אשר זהו עיקר עבודת האדם בעולם הזה, ע״כ אמר השי״ת והנני משחיתם **את הארץ** דייקא, וברש״י כמו מן הארץ, או עם הארץ, שהשחיתו ביחד עם הארץ, כיון שלא ביררו חלק הטוב מחלק הרע, ודו״ק.

❖ ❖ ❖